ירושלים דליטא
אילוסטרירט און דאקומענטירט

JERUSALEM OF LITHUANIA
Illustrated and Documented

ירושלים דליטא
מאויר ומתועד

ЛИТОВСКИЙ ИЕРУСАЛИМ
В иллюстрациях и документах

ירושלים דליטא

אילוסטרירט און דאָקומענטירט

אינהאַלט, זוכצעטלען, ביבליאָגראַפיע
און באַמערקונגען פון צוזאַמענשטעלער
לייזער ראַן

דריטער באַנד

JERUSALEM OF LITHUANIA

ILLUSTRATED AND DOCUMENTED

CONTENTS, INDEXES, BIBLIOGRAPHY
and remarks of the Editor
Leyzer Ran

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

Volume III

ווילנער פאַרלאַג

New York, 1974
ניו־יאָרק, תשל״ה

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

COPYRIGHT 1974
by Leyzer Ran
Jackson Heights, New York

Library of Congress Catalog Number 73-90918

Printed in the United States of America
THE LAUREATE PRESS, EGG HARBOR CITY, NEW JERSEY

ירושלים דליטא

מאויר ומתועד

תוכן הענינים, מפתחות, ביבליוגרפיה
והערות העורך לייזר ראן

כרך ג׳

ЛИТОВСКИЙ ИЕРУСАЛИМ

В ИЛЛЮСТРАЦИЯХ И ДОКУМЕНТАХ

СОДЕРЖАНИЕ, УКАЗАТЕЛИ, ВИВЛИОГРАФИЯ
и примечания составителя
ЛЕЙЗЕР РАН

ТОМ III

ווילנער פארלאג

Нью-Йорк, 1974 ניו־יורק, תשל״ה

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

דער „ווילנער אַלבאָם קאָמיטעט“
פאַרשפרייט דעם ווילנער געדענקבוך מיט דער הילף פון אַ
ספּעציעלן פאָנד

THE "VILNO ALBUM COMMITTEE"
distributes this handbook and guide of Jewish life in Vilna
with the aid of a SPECIAL FUND

Established by the distinguished friends:	געשאַפן דורך די חשוב'ע פריינט :
David and Regina Bazilian	דוד און רעגינא באַזיליאַן
Nathan and Riva Bazilian	נתן און ריווע באַזיליאַן
Dov and Zelda Botwinik	דוב און זעלדע באָטווינִיק
Eddy and Bonny Gurwicz	הערצל און הינדע גורוויץ
Max and Lola Gurwicz	מתתיהו און לאָלא גורוויץ
Simon and Henny Gurko	שמעון און העניאַ גורקאָ
David and Dora Hamburg	דוד און דאָרע האַמבורג
Sam and Sara Hamburg	שכנא און שרה האַמבורג
David and Helen Herzberg	דוד און חיה הערצבערג
Harry and Myra Wagner	אהרון און מרים וואַגנער
Rubin and Sima Wagner	ראובן און סימע וואַגנער־וויינער
Solomon and Liza Stuck	שמעון און ליזע וואָיטשיק
Jack and Edith Wornian	יאַנקל און אידיט וואָרניאַן
Myron and Dolly Heifetz	מיירים און דאלי חפץ
Bernhard and Esther Weinreb	בערל און אסתר ווײַנרעב
Jerry and Cyla Trocki-Videll	יודל און צילע טראָצקי־ווידעל
Jack and Mira Trocki	יעקב און מרים טראָצקי
Harry and Ann Chinitz	הערי און חנה טשיניץ
Mayer and Julia Judelewitz	מאיר און יוליע יודעלעוויטש
Simon and Edda Lechtenstein	שמעון און עטאַ ליכטענשטיין
Joseph Lifshin	יחיאל ליפשין
Leib and Rachel Levin	לייב און רחל לעווין
Isaac and Dina Marmut	אייזיק און דינה מאַרמוט
Michael and Dora Menkin	משה און דבורה מינקאָוויטש־מענקין
Sam and Riva Narkunski	שמואל און ריווע נאַרקונסקי
Abraham and Luba Sabrin	אברהם און לובע סאַברין
Nat and Riva Soffer	נחום און רבקה סאָפער
David and Bluma Svirsky	דוד און בלומע סבירסקי
Richard and Betty Simon	צבי און ברכה סיימאָן
Sidney and Rachel Simon	שמעון און רחל סיימאָן

Simon and Helen Silverberg	שמחה־בונים און העלען סילווערבערג
Leon and Brenda Senders	לייזער און בראָניע סענדעראָוויטש
Moshe and Lea Pilecki	משה און לאה פּילעצקי
Joe and Liza Pruzan	יאָסל און ליזע פּרוזשאַן
Morris and Fanny Pruzan	משה און פייגע פּרוזשאַן
Moses and Nadia Feigelson	משה און נאַדיע פייגעלסאָן
Nathaniel and Anna Frankfurt	נתן און חיה פראַנקפורט
Sol and Eileen Chaikin	זעליק און חיהלע צייקינסקי־טשייקין
Victor and Celia Cynamon	אביגדור און טשאַרנע צינאַמאָן
Emanuel and Sally Kobrin	עמנואל און שרה קאָברינסקי
Sam and Margaret Kowarski	שלמה און מאַרגאַרעט קאָוואַרסקי
Salman and Mira Kaplinsky	זלמן און מרים קאַפּליטסקי
Charles and Betty Katz	חיים און באַסיע קאַץ
Sam and Selda Karas	שלמה און זעלדע קאַראַס
Leibl and Miriam Korisky	לייבל און מרים קאָריסקי
Richard and Maria Korngut	ראובן און מרים קאָרנגוט
Mike and Frances Kiedjan	מאיר און פריידל קיידאַן
Pinchus and Molly Kiedjan	פּנחס און מלכה קיידאַן
Noemi Klutzinkow	נעמי קלוצניקאָוו־סליווקין
Leo and Helaine Rosenblum	לייזער און חיהלע ראָזענבלום
Leyzer and Basheva Ran	לייזער און בת־שבע ראַן
Morton and Lucy Shames	מאָטל און לוסיע שאַמעס
Sam and Sara Schoffer	ישראל און שרה שאָפּער
Murray, Danny and Joseph Shumel	משה, דניאל און יוסף שומעליסקי
Abe, Kalman Schibuk and Families	אברהם און קלמן שטשיבוק און פאַמיליעס
Samuel Meyer Slivkin	שמואל־מאיר שליווקין
IN MEMORY	לזכרון:
Benjamin, Ethel Pinhas, Bashia, Miriam Cepelewicz	בנימין, עטל, פּנחס, בתיה, מרים צעפּעלעוויטש
Chaim, Chaja, Shmuel Levin	חיים, חיה און שמואל לעווין
Boruch - Elijahu, Sarah, Lolke Warszawczyk	ברוך־אליהו, שרה און ליאָלקע וואַרשאַווטשיק

ווילנער אַלבאָם קאָמיטעט
ניו־יאָרק   תל־אביב

VILNO IN PICTURES, INC.
New York   Tel-Aviv


לייזער ראַן
Leyzer Ran

יעקב טראָצקי
Jack Trocki


ראובן וואַגנער
Rubin Wagner

בערל וויינרעב
Bernhard Weinreb


ד״ר אַלעקסאַנדער ליבאָ
Dr. Alexander Libo

הערי ריישער
Harry Reischer


לייבל קאָריסקי
Leibl Korisky

באַמערקונגען פון צוזאַמענשטעלער

אין געדענקען ליגט גאולה

בעש״ט

דער פלאַן, דער אינהאַלט, די פאָרם און אפילו דער ציל פון דער אויסגאַבע, וואָס מיר גיבן איצט איבער דעם לייענער, האָט זיך בהדרגה געענדערט אין גאַנג פון דער 25־יאָריקער זאַמל־און צוגרייטונגס־אַרבעט, ביז עס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט צו דער ענדגילטיקער סכעמע.

פאַרטראַכט געוואָרן איז די אונטערנעמונג ווי אַ בילדער־אַלבאָם פון ירושלים דליטא.

ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל ניט אויסזען, איז עס אָבער אַ פאַקט, אַז צווישן די טויזנטער ספרים, ביכער, זאַמלביכער און האַנטביכער וואָס זיינען דערשינען אין ווילנע אויף העברעאיש און יידיש במשך פון 142 יאָר (1799 — 1941), איז ניטאָ קיין איין כוללדיקער בילדער־אַלבאָם פון דער יידישער ווילנע.

פון אַלע אילוסטרירטע יידישע אויסגאַבן וואָס זיינען דערשינען געווידמעט דער יידישער ווילנע, קאָן מען נאָר צוויי פאַררעכנען צו דער אַלבאָם־קאַטעגאָריע. דאָס איז דער אילוסטרירטער אַלמאַנאַך פון ווילנער פאָטאָגראַף מאָריץ גראָסמאַן „יידישע ווילנע אין וואָרט און בילד“, ווילנע, 1925, וועלכער באַשטייט פון 160 פאָטאָגראַפיעס וואָס ער האָט אַליין אַראָפגענומען און נאָך צען „פון אַנדערע קוואַלן“. און דער קונסט־אַלבאָם „די יידישע גאַס אין ווילנע“, צוזאַמענגעשטעלט פון ווילנער מאָלער מ. וואָראָבייטשיק און אַרויסגעגעבן אין צוויי אויסגאַבעס (עברית־דייטש און עברית־ענגליש) אין פאַרלאַג פון אָריעל פיסלי, ציריך־לייפציג, 1931. די זאַמלונג האָט 65 בילדער און איז זינט איר דערשיינען דער וויכטיקסטער בילדער־מקור וועגן די אַלטע יידישע ווילנער געטאָ־געסלעך, וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן אין צענדליקער אַרבעטן.

ווייזט אויס, אַז ווילנער יידן האָבן געהאַט פונקט אַזוי ווייניק אינטערעס ווי די נייטיקע פינאַנציעלע מעגלעכקייטן צוצוגרייטן און אַרויסצוגעבן בילדער־אַלבאָמען און אילוסטרירטע וועגווייזערס פאַר די יאָרהונדערטער יידיש לעבן אין ווילנע. האָבן זיי זיך נוהג געווען ניט לויט דעם קלאַסישן כינעזישן שפריכוואָרט, אַז „איין בילד רעדט מער ווי טויזנט ווערטער“, נאָר לויט אַ יידישער פאָלקס־דערקענטעניש „אַלץ פאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט“, און זיי האָבן געלערנט, געפאָרשט און געשריבן.

עס זיינען, פאַרשטייט זיך, געמאַכט געוואָרן אין פאַרשיידענע ציטן נאָך אַנדערע פרוּוון צו פאַראייביקן די יידישע ווילנע אין בילד, אָבער ווייט פון די פלענער זיינען זיי ניט אַוועק. אַזוי שפעט ווי אין מאַי 1938 האָט אַ קאָמיסיע פאָטאָגראַפן (אַבא סאָפיר, ב. ברודנער און א. צינאַוועץ) אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פראָיעקט פאַר דער ווילנער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט א״נ פון ש. אַנסקי, וועגן פאַראייביקן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין בילד. און אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר איז אויף אַ ייוואָ־קאָנפערענץ אין ווילנע באַשטעטיקט געוואָרן אַ פראָיעקט צו „פאַראייביקן אין פאָטאָגראַפישן בילד דאָס גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין ווילנע אויף אַלע געביטן, אַ זכר פאַר די קומענדיקע דורות“. דער חורבן איז שוין אָבער געשטאַנען אויפן שוועל פאַר אַלע פראָיעקטן און פאַר זייערע איניציאַטאָרן.

די לעצטע פרוּוון זיינען געמאַכט געוואָרן אין ווילנער געטאָ. אַזוי ווי פאָטאָגראַפירן איז דאָרט געווען פאַרבאָטן, האָט שבתי בליאַכער געזאַמלט בילדער פאַר אַן אַלבאָם פון יידישע אַרטיסטן און הערמאַן קרוק האָט אויסבאַהאַלטן בילדער פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער, וואָס וועלן שפעטער העלפן אילוסטרירן די נאַצי־אָקופאַציע. לויט ה. קרוקס איניציאַטיוו איז אויף אַ באַראַטונג פון אַ גרופע יונגע צייכענער, בראש מיטן מאָלער יעקב שער, באַשטימט געוואָרן צו צייכענען בילדער פון געטאָ. קרוק פאַרשרייבט אין זיין געטאָ־טאָגבוך (דעם 5טן יולי 1942), אַז „די אַרבעט גייט פאָרויס: איינער אַרבעט איבער אַ סעריע „לעכער“; אַ צווייטער צייכנט די פאַרצוימונגען פון געטאָ; אַ דריטער מאַכט בילדער פון אינערלעכן לעבן אין געטאָ, לאָזנדיק אינטערעסאַנטע צייכענונגען, דער עיקר־היסטאָרישע דאָקומענטאַציע“ (זז׳ 299־300). אָפגעראַטעוועט

פון דעם אַלעם האָבן זיך אַ פּאָר צופעליקע בילדער. די זאַמלונגען זיינען פאַרשוווּנדן צוגלייך מיט די זאַמלער און צייכענער.

די טרויעריקע דערקענטעניש פון דעם טאָטאַלן חורבן — דער אומקום פון דער עדה און די פאַרניכטונג פון אַלע גייסטיקע און קולטור־ווערטן — וואָס מיר האָבן מיטן צוריקגעקומענעם שארית־לעבן דערלערנט אין דער באַפרייטער שטאָט (1944־1945), מיט דעם ניט ווייניקער ביטערן צוגאָב, אַז די „באַפרייער" האָבן אָנגענומען אַן ענדגילטיקן באַשלוס זיך צו פאַרנעמען מיט המשך — ליקווידאַציע פון אַן אָרגאַניזירט יידיש לעבן אין יעדער פאָרם און אויסדרוק פאַר ווילנער יידן וואָס האָבן דעם חורבן אַריבערגעלעבט; און ליקווידאַציע פון יידישן זכר אין יעדער פאָרם און אויסדרוק, וואָס האָט דעם חורבן אַריבערגעדויערט — דאָס איז געווען דער מאָסגעבנדיקסטער פאַקטאָר פאַר דער עצם־איניציאַטיוו, וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ בילדער־אַלבאָם, וואָס זאָל אין אַ געוויסער מאָס רעסטאַווּרירן און פּרעזערווירן לזכרון דעם יידישן פּנים פון דער חרובער שטאָט, וואָס ווערט צוריק פאַרבויט און — אויסגעיידישט.

דער פּלאַן האָט זיך דער עיקר געשטיצט אויף דער האָפענונג זיך צו באַנוצן מיט די אויפגעהיטע בילדער אויף דער טעמע אין די יידישע צענטערס ווו די מלחמה און דער חורבן האָבן ניט געהאַט קיין שליטה. די אָנגעבונדענע שריפטלעכע קאָנטאַקטן און שפּעטערדיקע באַזוכן האָבן אונדז איבערצייגט, אַז עס איז, צום באַדויערן, אין ערגעץ ניט אויפגעזאַמלט און אָפּגעהיט געוואָרן די בילדער און דאָקומענטאַרן מאַטעריאַלן פון דער יידישער ווילנע אין אַזאַ פאַרנעם, אַז עס זאָל קאָנען דינען ווי אַ באַזע פאַר אַ כוללדיקער אויסגאַבע.

אין אונטערשטן סך־הכל האָט עס דאַן אויסגעזען, אַז צו באַווייזן די יידישע ווילנע וועלן מיר באין ברירה זיך מוזן באַנוגענען מיט אַן אָרעמער זאַמלונג פון צופעליק אָפּגעראַטעוועטע בילדער.

אַ צווייטער שטאַפּל אין אונדזער פאַרמעסט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער צוזאַמענגעשטעלטער צענטראַלער קאַרטאָטעק פון אַלע פאַר אונדז צוגענגלעכע בילדער, וואָס האָבן אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן שייכות צו דער יידישער ווילנע און געפינען זיך אויסער אין אונדזער באַזיץ, אין ניו־יאָרקער ייוואָ־אַרכיוו און אַ צאָל אַרכיוון אין מדינת ישראל, און פּריוואַטע קאָלעקציעס און דאָסגלייכן צווישן די געדרוקטע בילדער אין עטלעכע הונדערט אילוסטרירטע יידישע און פרעמד־שפּראַכיקע אַלמאַנאַכן, זאַמלביכער, מאָנאָגראַפיעס, זכרונות, שטאָטישע וועגווייזערס, זשורנאַלן און ביכער וועגן ווילנע אויף פאַרשיידענע טעמעס.

פאַר די בלויזן, די פעליקע בילדער אויף אַ היפּשע צאָל טעמעס און געביטן, אָן וועלכע עס איז קוים מעגלעך אפילו נאָר אָנצודייטן אויף דער אייגנאַרטיקייט פון ירושלים דליטא, האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ דעטאַליזירטע טעמאַטישע זוך־קאַרטאָטעק און דורך פּערזענלעכע פאַרבינדונגען און אַ געדיכטער קאָרעספּאָנדענץ אָנגעגאַנגען מיט אַ פּערמאַנענטן זוך־דינסט.

מיט דער לאַנג־יאָריקער פרייוויליקער מיטהילף פון אַזעלכע אַלבאָם־ענטוזיאַסטן ווי ד"ר אַלעקסאַנדער ליבאָ ז"ל און לייבל קאָריסקי, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער דערפאָלגרייכער זאַמל־אַרבעט און פאַרטראָטן דעם ווילנער אַלבאָם־קאָמיטעט אין מדינת ישראל; מיט דער טרייער הילף פון אַזעלכע איבערגעגעבענע בילדער־זאַמלער ווי עקיבא גערשאַטער, שמעריקע און מערע קאַטשערגינסקי, יוסף ראַדזעלי, אַלעקסאַנדער באָגען, מרדכי דינאַבורג, חיים עפּשטיין, חיים קאָפּעלאָוויטש, יצחק אײדעלמאַן, געניאַ ראַבינאָוויטש, יאַנקל גוטקאָוויטש, וועלכע האָבן צוגעטראָגן וויכטיקע מאַטעריאַלן פאַר אַ היפּשע צאָל זייטן, און נאָך אַ פּאָר הונדערט ווילנער יידן פון צענדליקער שטעט און לענדער, (די נעמען פון וועלכע מיר דערמאָנען מיט דאַנק אין אַ ספּעציעלער אַרויסהעלפער־רשימה), וועלכע האָבן אונדז אַרויסגעוויזן אַזויפיל צוטרוי און אויסגעליען דעם לעצטן אָפּגעראַטעוועטן היימישן זכר מיטצוהעלפן אויפצושטעלן אַ קאָלעקטיוון זכר למקדש ווילנה — האָבן מיר באַוויזן אויפצוזאַמלען עטלעכע טויזנט בילדער און דאָקומענטן. צווישן דעם, עטלעכע נאַצישע בילדער־זאַמלונגען; אָפּגעראַטעוועטע דאָקומענטן און בילדער וועלכע די סאָוועטן האָבן פאַרמשפּט לגניזה; און אַ קורץ־מעטראַזשיקן דאָקומענטאַרן קלאַנג־פילם וועגן דער יידישער ווילנע (פון סוף 1938), וועלכן מיר האָבן אָפּגעפונען אין אַמעריקע.

אַזוי איז אין סך־הכל פון אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך־חורבן אַרכעאָלאָגיע געשאַפן געוואָרן אַן אוניקאַלע דאָקומענטאַרע־און בילדער־זאַמלונג פון ווילנע פון די עלטסטע צייטן ביז אַריבער דעם חורבן.

אָבער גראָד דאַן, ווען מען האָט געקענט נעמען גלויבן, אַז מיט דער הויפּט־פּראָבלעם פון אויפזאַמלען די נייטיקע בילדער זיינען מיר אויף אַ דרך, האָבן זיך גענומען אויסשיילן פּראָבלעמען וועגן פאָרם, אינהאַלט און ציל פון דער אויסגאַבע.

אַ בילדער־אַלבאָם מיינט, בדרך כלל, אַ שטרענגער אָפּקלייב פון אַ באַגרענעצטער צאָל מוסטער־בילדער, וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער הויכער קינסטלערישער קוואַליטעט פון דער פאָטאָגראַפיע פון די ווערטפולסטע אָביעקטן פון נאַציאָנאַלע דענקמעלער, אַרכיטעקטור, פּייזאַזש און טיילמאָל אויך פאָלקס־שטייגער און טיפּאַזש.

נאָכן אַנאַליזירן דעם קוואַליטאַטיוון און קוואַנטיטאַטיוון צושטאַנד פון די בילדער־מאַטעריאַלן וואָס מיר האָבן צו אונדזער דיספּאָזיציע, האָבן מיר זיך אַליין געשטעלט און אַליין געמוזט ענטפערן אויף די קאַרדינאַלע פראַגן:

קענען אַלטע, פון צייט פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיעס אָדער רעפּראָדוקציעס, גרעסטנטייל אַראָפּגענומען פאַרן היימישן געברויך מיט ביליקן פאָטאָ־אַפּאַראַטור און פאָטאָ־מאַטעריאַלן, פּרעטענדירן אויף קינסטלערישער קוואַליטעט ?

און ווי אַ יוצא מזה — וועלן מיר מיט די צופעליק אָפּגעפונענע אַלטע פאָטאָגראַפיעס ניט דערגרייכן קיין היפּוכדיקע נעגאַטיווע רעזולטאַטן, ביי

יעדן פאַרגלייך מיט אַ מאָדערנעם קונסט־אַלבאָם, צוזאַמענגעשטעלט פון די בעסטע אָפּגעקליבענע פאָטאָ־און פילם־אויפנאַמעס?

און פון דער צווייטער זייט: קאָנען מיר זיך היינט, נאָכן גרעסטן יידישן פאָלקס־חורבן, דערלויבן דעם לוקסוס נאָכצוגיין אין די פוס־טריט פון די אומות העולם און זיך שפּיגלען אין מאָלערישע פּייזאַזשן און לאַנדשאַפטן, פאַרכישופטע אָזיערעס און סענטימענטאַלע בין־השמשותן; אין די אַרכיטעקטאָנישע מוסטערן פון באַראָק און ראָקאָקאָ, גאָטיק און ביזאַנץ; באַווירצט מיט עטלעכע צענדליק בילדער פון „דער יידישער געטאָ": אַלטע געסלעך און הויפן, שול־הויף און שטאָט־שול, דורכהויף און בית־עולם, מיט אַ סעריע פּיקטורעסקע פּנימער און געשטאַלטן פון עמך־יידן און בערדיקע קלויזניקעס?

וועט אַזאַ אויסגאַבע זיין דער יידישער אָנדענק־אַלבאָם פאַר די 80 טויזנט הרוגי־פּאָנאַר און אַ האַנטבוך פאַר 500 יאָר יידיש לעבן אויף ווילנער ערד, אָדער — אַ קרומער שפּיגל פון יידישן עבר, צוגעשניטן אין גייסט און אין גוסט פון אַלע פאַרלייקענער און פאַרלוימדער פון דער יידישסטער שטאָט אין מזרח־אייראָפּע?

מיר האָבן ניט געהאַט פאַר זיך קיין מוסטער פון קיין אַנדער מין אויסגאַבע. אָבער דער אויספיר איז געווען קלאָר און זיכער: פאַר אַן אויסערגעוויינלעכער אויפגאַבע מוז מען געפינען אַן אויסערגעוויינלעכע פאָרם. און אַזוי איז געווען. דער באַשלוס — טאָטאַלער חורבן טאָר ניט און קען ניט פאַראייביקט ווערן מיט אָפּקלייב (וואָס אַסאָציאירט זיך אין אונדזער שווער־געליטענעם דור מיט עס־עסמאַנישער יידן־סעגרעגאַציע: רעכטס — לינקס! מי לחיים ומי למות), נאָר מיט אויפקלייב און רעקאָנסטרוקציע.

יעדע טעמע, וואָס מיר באַשטימען צו רעקאָנסטרואירן לזכרון, און אונדזערע אָפּגעראַטעוועטע בילדער קאָנען דאָס נאָר טיילווייז אילוסטרירן, דאַרפן מיר צוגאָבלעך רעסטאַווירן מיט אַנדערע מיני מאַטעריאַלן וואָס וועט אונדז געלינגען אָפּצוגראָבן צווישן די פלאַסטן פון חורבן און שיכחה און אויסצולייזן פון באַרבאַרישן הפקר און פאַרניכטונג.

אַזוי האָבן די ציל־געווענדטע זוכענישן אונדז דערפירט צו דער ענדגילטיקער פאָרם: אַ טעמאַטישער האַנטבוך פון ירושלים דליטא.

ביים אָפּקלייבן דעם מאַטעריאַל פאַר אַ טעמאַטישער זייט האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ ניט־געשריבענעם דירעקטיוו: צו באַזאָרגן דעם פאַראינטערעסירטן אין דער טעמע לייענער און פאָרשער מיט די אָביעקטיווע פאַקטן, בילדער, דאָקומענטן, דאַטן און אָפּטימאַל סטאַטיסטישע ציפערן. די אויסטייטשונג פון די מאַטעריאַלן האָבן מיר איבערגעלאָזן אינגאַנצן צו דער קריטעריע פון די לייענער.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע מאַטעריאַלן וואָס מיר פאַרעפנטלעכן זיינען פון זעלבן היסטאָרישן ווערט. גאַנץ אָפט האָבן מיר זיך געמוזט רעכענען מיטן פאַקט, אַז די מאַטעריאַלן אין אונדזער רשות זיינען דער איינציקער זכר דורך וועלכן מיר קענען עפּעס צוטראָגן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ פאַרשוואונדענער אינסטיטוציע ווי צום שטייגער און כלל־לעבן פון דער יידישער ווילנע אין אַלגעמיין. האָבן מיר איינגעשלאָסן מאַטעריאַלן, וועלכע מיר האָבן דעפינירט ווי פאָלקסטימלעכע אָרנאַמענטן, וואָס האָבן „איינגעראַמט" און אַ מאָל טאָקע באַצירט יידיש לעבן אין אַזוי נאָענטן פאַרשוואונדענעם „אַמאָל". וואָס שפּעטערדיקע דורות וועלן לערנען און אָפּלערנען פון די מאַטעריאַלן פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, איז נאָך היינט שווער אָפּצושאַצן.

מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז מיר גרייטן צו דאָס ערשטע האַנטבוך, וואו אַלערליי יידישע „ווילנעס" זיינען פאַרטראָטן זייט־ביי־זייט: די רעליגיעזע און די וועלטלעכע; די העברעאיסטישע און יידישיסטישע; דער פאָלקישער יאָדער און אַסימילאַטאָרישער שאָלעכץ. אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס, פון ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישן „רעכטס" ביזן אונטערערדישן קאָמוניסטישן „לינקס". און דער גאַנצער פּילפאַרביקער קאַליידאָסקאָפּ פון חברות, פאַראיינען, אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — אַלע שטראָמען, פלוסן און שטרעמונגען וואָס האָבן באַוועגט דאָס יידישע לעבן פאָרויס.

די אויבן־געבראַכטע און ענלעכע מאָטיוון האָבן משפּיע געווען, אַז מיר זאָלן זיך אין די ספּעציפישע באַדינגונגען ווייניקער זאָרגן וועגן פּראָפּאָרץ (אָדער כלומרשטע עליות) און זיך מער רעכענען וועגן איינשליסן אומבאַקאַנטע און ווייניק־באַקאַנטע מאַטעריאַלן, בילדער און דאָקומענטן פון פאַרשיידענעם ווערט און כאַראַקטער, וואָס מיר האָבן אָפּגעפונען און פאַרעפנטלעכן דאָ צום ערשטן מאָל, דער עיקר פאַר אַזעלכע טעמען, וואָס זיינען אַמווייניקסטן באַהאַנדלט געוואָרן אין די אויסגאַבן ביז אַהער.

דער באַשלוס איינצושליסן אויסער בילדער אויך דאָקומענטן און אַנדערע מאַטעריאַלן האָט אָבער געמוזט זיין פאַר אַ באַשטימטן פּרייז. אין דער ערשטער ריי — אין פאַרקלענערן די גרויס פון יעדן אָביעקט, בילד אָדער דאָקומענט. און צווייטנס, נאָך מער פאַרשאַרפט די נויטווענדיקייט זיך צו באַנוגענען מיט די קירצסטע דערקלערונגען און געפירט צו אויסלאָזן אַ סך וויכטיקע און נייטיקע אינפאָרמאַציעס. דער פאַרשאַרפטער דוחק אין אָרט, איז אויך געווען דער הויפּט־מאָטיוו פאַר אַ צאָל אַנדערע אין־ברירה באַשלוסן, ווי דאָס ניט איבערזעצן דעם פולן טעקסט פון די פאַרעפנטלעכע דאָקומענטן אין די פיר־שפּראַכיקע דערקלערונגען, נאָר זיך באַנוגענען מיט אַ קורצער תמציתדיקער פאַרצייכענונג אָדער, אויסנאַמיק, מיט אַ קורצן פראַגמענט. אָדער דאָס פאַרעפנטלעכן די רשימות נעמען פון די אידענטיפיצירטע פערזאָנען אויף די פאָטאָגראַפישע בילדער, נאָר אויף יידיש. אמת, דער באַשלוס איז באַקרעפטיקט געוואָרן מיט דער מיינונג, אַז אַמווייניקסטן זיינען די נעמען פאַר'ן יידיש־לייענער און דער עיקר פאַר די ווילנער, וועלכע זוכן צווישן די נעמען אַ שפּור פון

זייערע נאָענטע. פאַר ניט־ווילנער, און בעיקר דעם פרעמד־שפראַכיקן לייענער, וועלן די לאַנגע רשימות נעמען גאַנץ אָפט זיין אַן איבעריקער און אומנייטיקער באַלאַסט און דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס אויך שייך די זוכצעטלען. די אויסנאַמיק־פאַראינטערעסירטע וועלן, ליידער, מוזן געפינען די מעגלעכקייטן צו איבערזעצן די נייטיקע נעמען אונטער אַ בילד ווי דעם פולן טעקסט פון אַ דאָקומענט.

עקאָנאָמיע פון דער שטאַרק־צעוואַקסענער צאָל זייטן איז אויך געווען דער מאָטיוו, וואָס די נעמען פון די אָפטיילונגען אין בוך (55 אָפטיילונגען אין ערשטן טייל — 500 יאָר יידיש לעבן אין ווילנע ; און 21 אָפטיילונגען אין צווייטן טייל — חורבן, ווידערשטאַנד און אומקום) זיינען ניט געגעבן צווישן די זייטן פון בוך, נאָר בלויז אין דעם בייגעלייגטן אינהאַלט.

אוודאי קענען מיר ווייניק וואָס מתקן זיין מיט אונדזערע אויפקלערונגען פאַר די שוועריקייטן און אומבאַקוועמליכקייטן. אָבער דאָס געהערט צו די אין ברירה׳ס, פאַר וועלכע מיר האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוואַל.

און אַז מיר האַלטן ביי נעמען — און לאָמיר אויך צוגעבן דאַטעס — מוזן מיר, ניט אַזוי צוליב התנצלות ווי צוליב פאַרזיכטיקייט, מאַכן נאָך אַ באַוואָרעניש. עס איז געווען אוממעגלעך אין די באַדינגונגען, ווען דער איינציקער פאַרלאָזלעכער קוואַל איז געווען אַ צופעליקע אַנאָנימע פאַרצייכענונג אויף אַ פאָטאָגראַפיע, אָדער פאַרקערט — עטלעכע פאַרצייכענונגען מיט סותרדיקע נעמען און דאַטעס, זיך אויסצוהיטן פון טעותים און פעלערן. אויף ווי ווייט דאָס איז געווען מעגלעך האָבן מיר זיך אין אינדעקס באַמיט אויסצובעסערן די באַמערקטע פעלערן אין נעמען און פאַמיליעס.

מען מעג אָבער פאָרויסזען, אַז עס זיינען אַריין טעותן אין די אידענטיפיצירטע נעמען, אויף וועלכע די אויסגעפרעגטע עד־ראיה קענען זיך ניט אייניקן. אָבער דאָס אַליין איז אויך אַ באַווייז, ווי וויכטיק עס איז די אויפגאַבע צו אידענטיפיצירן די פערזאָנען אויף אַלע גרופן־בילדער. האָפן מיר, אַז די פאַראינטערעסירטע לייענער וועלן צושיקן תקונים וועגן אַלע באַמערקטע טעותן אָדער בלויזן, מיר זאָלן עס אויף וועלכן ס׳איז אופן קאָנען פאַרצייכענען אין אַ סופלעמענט־ביילאַגע.

ווי אַ כלל, האָבן מיר אויסגעמיטן איינצושליסן צייכענונגען און מאַלערייען, וואו נאָר מיר האָבן געהאַט צו אונדזער דיספאָזיציע אַ פאָטאָגראַפיש בילד. די קליינע צאָל מאַלערייען און צייכענונגען וואָס זיינען יאָ אַריין, זיינען אין דעם קאָנטעקסט געבראַכט לשם אילוסטראַציע און דאָקומענטאַציע.

מיר זיינען ביי דער מיינונג, אַז עס איז נייטיק און מעגלעך אַרויסצוגעבן אַ באַזונדער באַנד : די יידישע ווילנע אין קינסטלערישן בילד, וואו עס זאָלן אויפגעזאַמלט און רעפראָדוצירט ווערן די מאָלערייען וועגן ווילנע פון אַלע יידישע קינסטלער און אין דער ערשטער ריי די ווילנער קונסט־מאָלער. אונדזער פרעלימינאַרע פאָרש־אַרבעט אויף דעם געביט ווייזט, אַז עס איז דאָ אַ ווערטפולער בילדער־מאַטעריאַל פאַר אַזאַ קונסט־אויסגאַבע, וועלכע וועט מיט רעכט קאָנען דינען פאַרן קונסט־אַלבאָם פון ירושלים דליטא.

פון די אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן צוליב פאַרשיידענע טעמים אויסגעלאָזן, ווילן מיר דאָ דערמאָנען אַ גרויסע אָפטיילונג, דאָס פעלן פון וועלכע, ווייסן מיר, וועט איבערלאָזן אַ בלויז אין אַלזייטיקן בילד פון ירושלים דליטא, איר מענטשן־קוואַל און פעריפעריע.

דאָס איז די ווילנער יידישע אומגעגנט, די קרוב צו פאַר הונדערט יידישע שטעטלעך, ישובים און דערפער אַרום ווילנע, וואָס האָבן מיטגעלעבט דאָס לעבן פון דער יידישער ווילנע, וואָס האָבן סיי ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמיש און גייסטיק־קולטורעל געצויגן זייער יניקה פון דער עיר ואם און פון כל ימים געווען דער וויכטיקסטער מקור, פון וועלכן די שטאָט האָט געשעפט איר צוואוקס, די אונטערשטיצער און נאָכפאָלגער פון אַלע אונטערנעמונגען און פראָיעקטן, באַוועגונגען און פראָגראַמען, אידייען און אידעאָלאָגיעס.

מיר זיינען ביי דער מיינונג, אַז מען קען ניט און מען טאָר זי בשום אופן ניט אָפפטרן מיט אַ פאָר זייטן צופעליקע בילדער און דאָקומענטן, וואָס וועלן אַנשטאָט דערקלערן און באַווייזן די וויכטיקע ראָל פון יידישן שטעטל, איר רעדוצירן צו עפעס אַ „צענטע נאָכגעריכט" אָן איר אייגענעם פנים, אָן איר באַזונדערן לעבנס־שטייגער, אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטלעכע פירונגען, אויף אַזויפיל אָפגעווישטע שטעטלדיקע יידישע לעבנס־אַדרעסן. זיי דאַרפן פאַרנעמען זייער אייגנאַרטיקן אָרט אין אַ ספעציעלן באַנד געווידמעט דער ווילנער אומגעגנט, וואו יעדע שטעטל, יעדער ישוב, יעדער יידישער דאָרף זאָל כאָטש אויף אַ פאָר זייטן פאַראייביקן זיין דורותדיקע עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג.

מיר ווילן גלויבן, אַז אונדזער אַרבעט וועט — אויפ׳ן אַלטן ווילנער שטייגער — אָנרעגן דעם לעבן־געבליבענעם שארית פון ווילנער פראָווינץ־שטעט צו פאַראייביקן אין אַ געמיינזאַמען באַנד די פאַרשוואונדענע יידישע שטעטל־ציוויליזאַציע.

און נאָך מער וועט אוודאי אויספעלן דעם פאַראינטערעסירטן לייענער אַ געשיכטלעכער איבערבליק פון דער יידישער ווילנע, פון די עלטסטע צייטן ביז אַריבער דעם גרויסן חורבן.

מיר האָבן באין ברירה רעזיגנירט פון אַזאַ באמת נייטיקער היסטאָרישער אָפהאַנדלונג צוליב דעם פשוטן טעם ; ווי קורץ מיר זאָלן ניט באַהאַנדלען די מערהייט פון די באַרירטע טעמען אין אונדזער האַנטבוך, באַדאַרפן מיר דערויף צענדליקער זייטן, און פאַר אַ פיר לשונות — הונדערטער זייטן.

וואָרום וואָס פאַר אַ ווערט וועט האָבן אַ געשיכטלעכער איבערבליק, וואָס וועט איגנאָרירן און אפילו מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנען דאָס רוב פון אויפגעזאַמלטן היסטאָרישן מאַטעריאַל ?

דער אויספיר איז אַ קלאָרער : אַן אַלזייטיקע געשיכטע פון דער יידישער ווילנע איז אַ וויכטיקע

אויפגאַבע פאַר אַ ספּעציעלער אַרבעט, וועלכע מיר האָפן, אַז אונדזער האַנטבוך וועט אָנרעגן און העלפן צוגרייטן.

כדי צו פאַרפילן די בלויזן פון די קורצע דערקלערונגען און אינפאָרמאַציעס און דאָס פעלן פון אַ געשיכטלעכן איבערבליק שליסן מיר איין אַ טעמאַטישע ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער ווילנע, וואָס האָט אין דער ערשטער ריי אַ פּראַקטישן ציל: צו געבן דעם פאַראינטערעסירטן לייענער אַ מעגלעכקייט צו געפינען מער אינפאָרמאַציע וועגן אַ געגעבענער טעמע.

ביים אָפּקלייבן דעם ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל האָבן מיר זיך ווי ווייט מעגלעך באַמיט איינצושליסן דעם צוטריטלעכסטן מאַטעריאַל און זיך קאָנצענטרירט אויף די באַקאַנטע און פאַרלאָזלעכע ווילנער זאַמלביכער, פּנקסים און אַלמאַנאַכן. אָבער מיר האָבן דאָסגלייכן איינגעשלאָסן וויכטיקע מקורים, וואָס וועלן דינען דעם פאָרשער, מיטן שלל אויפגעזאַמלטע ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען געסדרט לויט אַ טעמאַטישן שליסל.

אונדזער „קאָפּירייט“ איז חל בלויז אויף איבערדרוקן אינגאַנצן אָדער אָפּטיילונגען פון בוך. די גרויסע אינוועסטירטע אַרבעט און פאָנדן אין דער אויסגאַבע מוזן פאַרהיט ווערן פון אַלערליי אויסנוצער, אָבער — ניט מער.

ניט נאָר באַפרייען מיר פון „קאָפּירייט“ יעדע געזעלשאַפט, אָרגאַניזאַציע, לערן־אַנשטאַלט, זשורנאַלן און צייטונגען, שרייבער און פאָרשער, זיי זאָלן מיט דער פולער האַנט אויסנוצן די בילדער, דאָקומענטן און אַנדערע מאַטעריאַלן און אינפאָרמאַציעס פון אונדזער האַנטבוך. מיר האָבן ניט דאָגעגן, אַז גאַנצע זייטן זאָלן רעפּראָדוצירט ווערן און אַז גאַנצע אָפּטיילונגען זאָלן אויסגעשטעלט ווערן אָדער באַנוצט ווערן ווי באַהילפיקן מאַטעריאַל אין אַלע יידישע לערן־אַנשטאַלטן און פאַר דער יידישער יוגנט. פאַרקערט — דאָס איז איינער פון אונדזערע הויפּט־צילן: צוריקגעבן די אויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן, בילדער און דאָקומענטן פאַרן פאָלקישן באַנוץ אויף אַלע לערן־און לעבנס־אַדרעסן.

מיר האָפן, אַז מען וועט שטענדיק געדענקען אָנצוגעבן דעם מקור פון די באַנוצטע מאַטעריאַלן און צושיקן אַ קאָפּיע, אויב מעגלעך צו אונדז, ווי צו די עקסיסטירנדיקע אַרכיוון און מוזייען וואָס האָבן אַ ווינקל געווידמעט ירושלים דליטא.

דער ווילנער אַלבאָם־קאָמיטעט, וואָס איז אין 1967 אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ גרופּע לעבנגעבליבענע פון ווילנער געטאָ און פּאַרטיזאַנער־מחנות, האָט פרייוויליק גענומען אויף זיך די שווערע טעכנישע אַרבעט און פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צוצוגרייטן און אַרויסגעבן דעם גרויסן ווילנער געדענק־בוך. נאָכ׳ן אַריבערקומען אַ באַרג מיט שוועריקייטן און פּראָבלעמען, איז אָנגענעם צו מעלדן, אַז מיר האָבן די אויפגאַבע אויסגעפילט.

מיט יראת הכבוד גיבן מיר איבער דער יידישער וועלט פון היינט און פון מאָרגן, דעם טעמאַטישן האַנטבוך וואָס אילוסטרירט און דאָקומענטירט יידיש לעבן אין ירושלים דליטא; אַ וועגווייזער אויף די אייגנאַרטיקע לעבנס־וועגן פון ווילנער „גאַנג“ און ווילנער „גייער“; אַ לאַמטערן מיט דעם זיך ניט־אויסלעשנדיקן פייער פון „נוסח ווילנע“, פאַר די שפּעטערישע יידישע עקשנים, וואָס פאַרמען היינט דעם נוסח פון יידישן מאָרגן.

הערות העורך

בזכירה — הגאולה

בעש״ט

תוכניתו, תוכנו, צורתו ואפילו מטרתו של הספר הנמסר עתה לידי הקורא הלכו ונשתנו במרוצת עשרים־וחמש השנים של עבודת האיסוף וההכנה, עד שנתגבשו במתכונתם הסופית.

בראשית היה הרעיון לפרסם אלבום תצלומים של ירושלים דליטא.

אף כי תמוה הדבר, הרי לא נמצא בין אלפי הספרים, ספרי־קודש, קבצים וספרי־עזר שהופיעו בוילנה בעברית וביידיש תוך 142 שנה (1799 — 1941), אפילו אלבום־תצלומים מקיף אחד של וילנה היהודית.

מכל הפרסומים המאויירים המוקדשים לוילנה היהודית אפשר לייחס לסוג האלבומים שניים בלבד. האחד, האלמנאך המאוייר של הצלם איש־וילנה מוריץ גרוסמן, „יידישע ווילנע אין ווארט און בילד", שיצא לאור בוילנה בשנת 1925, ובו 160 תצלומים מעשי ידי המחבר ועוד 10 „ממקורות אחרים". השני, האלבום האמנותי „רחוב היהודים בוילנה", מעשי ידי הצייר איש־וילנה מ. ורוביציק (עתה — מ. רביב), שהופיע בשתי מהדורות, עברית־גרמנית ועברית־אנגלית, בהוצאת אוריל פיסלי, ציריך־לייפציג 1931. בקובץ 65 תמונות, ומשעת הופעתו הריהו החשוב במקורות לתצלומי סימטאות הגיטו היהודי העתיק בוילנה, ועשרות פרסומים כבר נצלו חומר זה.

אין זאת כי לא היה ליהודי וילנה עניין בהכנתם ובפרסומם של אלבומים ומדריכים מאויירים להכרת מאות השנים של החיים היהודיים בעיר, ואפשר כי חסרו להם האמצעים לכך. על כן לא גרסו את הפתגם הסיני, כי „תמונה אחת אומרת יותר מאלף מילים", אלא את המימרה העממית היהודית, כי „הכול יאבד, ומילה תעמוד לעד", ועל כן למדו, חקרו וכתבו.

בתקופות שונות נעשו נסיונות להנציח את וילנה היהודית בתמונה, אלא שלא חרגו מתחום התוכניות. הנסיונות האחרונים נעשו בגיטו. מכל זה נצלו כמה תצלומים מקריים. האוספים נעלמו יחד עם האוספים והציירים.

משנתגלה החורבן הגדול — אבדן העדה והשמדת כל ערכי הרוח והתרבות שלה — כאשר חזרנו עם שארית־הפליטה לעיר המשוחררת (1944 — 1945), נתגלתה גם התוספת, המרה אף היא: „המשחררים" נחושה החלטתם להמשיך בחיסול החיים המאורגנים בכל צורה שהיא של היהודים שבילו את החורבן, וחיסול כל זכר ליהדות שבילתה את החורבן. ודאות זו היא שגרמה בעיקר ליוזמת אלבום־התמונות שישחזר אף ישמר במידת־מה את פניה היהודיים של העיר שנחרבה, ועתה משקמים אותה ועוקרים כל זכר ליהודים ממנה.

תוכניתנו הסתמכה בעיקר על התקווה להשתמש בתצלומים המתאימים שנשתמרו במרסזי־היהודים שלא נפגעו במלחמה ובחורבן. לאחר מגע בכתב וביקורים נוכחנו לדעת, לצערנו, כי בשום מקום לא נאספו ולא נשמרו תצלומים וחומר תיעודי של וילנה היהודית בהיקף שיוכל לשמש יסוד לפרסום כולל כשלנו.

בסופו של דבר נסתבר, כי להצגת וילנה היהודית נאלץ להסתפק באין־ברירה באוסף דל של תצלומים שנצלו באקראי.

שלב שני במיפעלנו התחיל עם ייסוד הכרטסת המרכזית של כל התצלומים השייכים במישרין אי בעקיפין לוילנה היהודית, אשר יעמדו לרשותנו, והמצויים בארכיון־ייווא בניו יורק, בכמה ארכיונים במדינת ישראל, באוספים פרטיים, או נדפסו בכמה מאות פרסומים, ביידיש ובלועזית, באלמנאכים בקבצים, במונוגראפיות, בזכרונות, במדריכים־עירוניים, בכתבי־עת ובספרים המטפלים בנושאים שונים מחיי וילנה.

משנתגלו החללים — התצלומים החסרים מתחומים שונים, ושבלעדיהם אי־אפשר אף לרמוז על ייחודה של וילנה — הרכבנו כרטסת־חיפושים מפורטת לפי נושאים, ופתחנו בשרות־חיפושים מתמיד, שהסתייע בתכתובת רבה ובקשרים אישיים.

שנים רבות נהנינו מעזרתם שלא־על־מנת־לקבל פרס של חסידי האלבום הנלהבים כד״ר אלכסנדר ליבו ז״ל וייבדל לחיים לייבל קוריסקי, שניהלו פעולות איסוף רבת־הצלחה, ייצגו את ועד־אלבום־וילנה במדינת ישראל, ונעזרו באוספי תמונות מסורים כעקיבא גרשאטר, מרדכי דיננבורג, שמרקה

ומרה קאצ׳רגינסקי, יוסף ראדזלי, אלכסנדר בוגן, חיים אפשטיין, חיים קופלוביץ׳, יצחק אידלמן, גניה רבינוביץ׳, יענקל גוטקוביץ׳. כל אלה תרמו חומר לעמודים רבים, הם ועוד כמה מאות יהודים מעשרות ארצות וערים (את שמותיהם אנו מזכירים בתודה ברשימה המיוחדת של המסייעים), שרחשו לנו אמון רב והשאילו את המזכרת האחרונה שבידיהם, כדי להציב יד למקדש וילנה. בדרך זו אספנו כמה אלפי תצלומים ותעודות; ביניהם כמה אוספי תצלומים של הנאצים, תעודות שנצלו ותמונות שהסובייטים דנו אותן לגניזה, וכן סרט־קולי תיעודי קצר על וילנה היהודית (משלהי שנת 1938), שגילינו אותו באמריקה.

אך דווקא כשנתפסנו לאמונה, שעלינו על דרך־המלך באיסוף התצלומים הדרושים, התחילו לעלות השאלות של תוכן ומטרה.

אלבום־תצלומים, בדרך כלל, הריהו מיבחר קפדני של תצלומי־מופת מעטים, המצטיינים באיכות אמנותית של צילום ומראים את המוצגים רבי־הערך מן המורשה הלאומית בפסלים, באדריכלות, בנוף ולעתים אף באורחות חיים ובטיפוסים.

לאחר בחינת איכותם וכמותם של התצלומים שעמדו לרשותנו שאלנו את עצמנו:

כלום יוכלו תצלומים או רפרודוקציות ישנים, מהוהים, צהובים מיושן, שצולמו על פי רוב לצורכי־בית בכלים ובחומרים זולים, לטעון לאיכות אמנותית?

והאם לא נגיע חלילה, בשל איכותם הגרועה של התצלומים, לתוצאה הפוכה, לאחר השוואה לאלבום־תצלומים מודרני, שמקורו במיטב התצלומים והסרטים ?

זאת ועוד, כלום נוכל היום, לאחר הגדול בחורבנות ישראל, ליטול לנו זכות לצאת בעקבות אומות־העולם ולהתענג על נופים ציוריים, אגמים כשופים ודמדומים רגשניים, על הדוגמות האדריכליות של הבארוק והרוקוקו, הסגנון הגוטי והביזאנטי, ולתבל את כל אלה בכמה עשרות תמונות של „הגיטו היהודי": סימטות עתיקות, חצרות, השול־הויף (חצר ביהכ"נ) ובית־הכנסת הגדול, הדורכהויף (החצר הקפנדריא) ובית־העלמין, וסדרת דמויות ציוריות של עמך ושל חובשי־בית־מדרש מזוקנים ?

האם ישמש ספר כזה יד לשמונים אלף הרוגי־פונאר וספר־עזר להכרת 500 שנות חיים יהודיים על אדמת וילנה, או שישמש ראי־עקום של העבר היהודי, שהוכן ברוחם של המתנכרים לעיר היהודית במזרח אירופה והמכחישים את קיומה ?

לא היתה לעינינו כל דוגמה לספר כזה, אך מסקנתנו ברורה היתה: למשימה החורגת מן הרגיל עלינו למצוא גם צורה החורגת מן הרגיל. אמרנו, כי אין להנציח חורבן שלם על ידי בירור ומיון, אלא על ידי ליקוט ושחזור.

כל נושא שהועלה בספר ולא הואר כל צורכו על ידי התמונות שנצלו, ישוחזר וישלם על ידי חומר אחר שיעלה בידינו להצילו מתחת לרבדי החורבן והשכחה ומידי ההשמדה הבארבארית.

בדרך זו נתגבשה תוך חיפושינו הצורה הסופית: ספר־עזר ענייני של ירושלים דליטא.

במיון החומר העייני האירה לנו הוראה לא־כתובה: לספק לחוקר לקורא המעוניין בנושא כלשהו את העובדות האובייקטיביות, תצלומים, תעודות, תאריכים וגם מספרים סטאטיסטיים. הנחנו את פירושו של החומר לשיקול־דעתו של הקורא.

מובן מאליו, שלא כל החומר המתפרסם שווה בערכו ההיסטורי. לפעמים באלצנו להתחשב בעובדה, שהחומר העומד לרשותנו הוא הזכר היחיד, העשוי לתרום לציון־דמותו של מוסד שעבר מן העולם ולתיאור אורחות־חיים־וחברה של וילנה היהודית. על כן כללנו חומר שהוגדר כעיטור עממי, ששימש מסגרת לחיי־היהודים שחלפו ואף קישט אותם. היום קשה להעריך מה ילמדו הדורות הבאים מסוגי החומר השונים.

שקדנו להביא בספר הראשון את פניה השונים של וילנה היהודית. אכן, תמצא כאן את העיר הדתית והחילונית, העברית והיידישאית, את הגרעין העממי ואת הקליפה המתבוללת, את כל התנועות הפוליטיות ברחוב היהודי, מהימין הציוני־הרבזיוניסטי׳ ועד השמאל של המחתרת הקומוניסטית. כן תמצא בספר קאליידוסקופ של חברות, איגודים, אירגונים ומוסדות ציבור — את כל הזרמים, הפלגים והנטיות שהניעו וקידמו את חיי היהודים.

נימוקים אלה ודומים להם גרמו שבתנאים מיוחדים אלה נדאג פחות לפרופורציה בין סוגי החומר השונים (מתן „עליות", כביכול), ויותר לכלילת חומר בלתי־מוכר או מוכר אך־מעט, תצלומים ותעודות שערכם ואופיים שונים, שגילינו ועתה אנו מפרסמים אותם לראשונה. בעיקר נהגנו כך בנושאים שכמעט לא זכו לטיפול בפרסומים קודמים.

ההחלטה לכלול בספר גם תעודות וחומר אחר גרמה להקטנת הממדים של התצלומים והמיסמכים, ואילצה אותנו להסתפק בהסבר קצר ביותר ואף לוותר על פרסום מידע רב וחשוב. צמצום־המקום גרם גם להחלטות אחרות, כגון: לא לתרגם את התעודות במלואן לארבע הלשונות, ולהסתפק בציון תמציתי, ובמקרים מעטים — בתרגום קטע; לציין את שמות האנשים שזוהו בתצלומים ביידיש בלבד. החלטה זו הסתמכה על הדעה, כי בעיקר חשובים השמות לקוראי־יידיש ולוילנאים, המחפשים ביניהם אוד מוצל. על לא וילנאים ועל קוראי־לועזית עשויים השמות הרבים להכביד.

צמצום מספר העמודים גרם גם להשמטת שמות שערי־המדורים בגוף הספר (55 מדורים בחלק הראשון — 500 שנות חיים יהודיים בוילנה, ו־21 מדורים בחלק השני — חורבן, התנגדות והשמדה). שמות המדורים ניתנו בתוכן העניינים בלבד.

ברור, שאין הסברים אלה מתקנים את הקשיים והתקלות. אך לא היתה ברירה.

עוד התנצלות אחת חייבים אנו לקורא, ובעיקר מטעמי זהירות. כאשר ציון אנונימי מקרי על גבי תצלום, או כמה ציונים שתאריכיהם סותרים, הם המקור היחיד שלנו, אין מנוס משגיאות וטעויות. נקווה, כי קוראינו יעירו ויתקנו, יעמידו אותנו על המוטעה ועל החסר, כדי שנוכל לפרסם את התיקונים בתוספת לספר.

בדרך כלל נמנענו מפרסום רישומים וציורים אם

עמדו תצלומים מתאימים לרשותנו. הציורים המעטים שהובאו בספר משמשים לאיור ולתיעוד.

סבורים אנו, כי רצוי ואף אפשר להוציא כרך מיוחד המוקדש לוילנה היהודית בתמונה האמנותית, ובו לפרסם את תמונות כל הציירים היהודים שנושאן וילנה, בראש־ובראשונה את עבודות הציירים בני־העיר. סקר ראשון שערכנו בתחום זה הוכיח, כי מצוי חומר־תמונות רב־ערך לספר אמנותי כזה.

מהחומר האחר שנאלצנו לפסוח עליו מהטעמים השונים, נזכיר תחום הפוגע בשלמות התמונה של ירושלים דליטא, סביבתה והמקור האנושי שלה. הכוונה לסביבת וילנה, לקרוב למאה ישובים יהודים, עיירות וכפרים, שהשתתפו בחייה של וילנה היהודית בכלכלה ובתרבות, ינקו ממנה, ושימשו לה מאגר אנושי לגידול, לממשיכי המיפעלים והתוכניות, הרעיונות, האידיאולוגיות והתנועות. סבורים אנו, כי אין לפטור את סביבת וילנה במספר עמודים של תצלומים ותעודות מקריים, אלא ראוי להקדיש לה כרך מיוחד, שבו יוכלו כל מקום ישוב, עיירה או כפר, להנציח את קיומם ואת התפתחותם לפחות בעמודים אחדים.

הבה נאמין, כי עבודתנו תעורר את שרידי הסביבה — והרי זו דרכם של אנשי וילנה מאז ומתמיד — להנציח את תרבות־חייהם שהושמדה.

ודאי תחסר אף יותר לקורא המעוניין סקירה היסטורית על וילנה היהודית, מראשיתה ועד חורבנה. על כורחנו ויתרנו על סקירה כזאת. גם אם תרפרף על רוב הנושאים שנגענו בהם, תשתרע על עשרות עמודים. ומה טעם בסקירה היסטורית המתעלמת מרוב החומר ההיסטורי שנאסף? על כן היתה המסקנה ברורה: היסטוריה מקיפה של וילנה היהודית היא משימה בפני עצמה, ואנו תקווה כי ספרנו יקדם את הגשמתה.

כדי למלא את החסר בהסברים הקצרים שלנו ובסקירה היסטורית צרפנו ביבליוגרפיה עניינית של וילנה היהודית. תכלית הביבליוגרפיה לאפשר לקורא למצוא מידע נוסף על נושא המעניין אותו.

בבחירת החומר הביבליוגרפי טרחנו לכלול את החומר המצוי והמהימן, והפנינו את הקורא בעיקר אל הקבצים, האלמנאכים והפנקסים שהופיעו בוילנה. הוספנו גם מקורות חשובים אחרים, שישמשו יפה את החוקר. הוספנו גם רשימות ביבליוגרפיות בעברית, רוסית, אנגלית, פולנית, גרמנית, צרפתית, ליטאית וביילורוסית.

הגבלת „זכות־היוצרים" שלנו חלה רק על העתקת כל הספר או חלקים שלמים ממנו. העבודה האדירה והכסף הרב שהושקעו במיפעל מחייבים הגנה מפני ניצול לרעה, אך לא למעלה מזה.

אנו משחררים מהגבלות זכות־היוצרים כל חברה, איגוד, מוסד חינוכי, כתב־עת ועתון, סופר וחוקר, ומזמינים אותם לנצל בהרחבה את החומר שבספר אין אנו מתנגדים להעתקת עמודים שלמים, להצגת מדורים שלמים בתערוכות, ולשימוש בחומר בכל מוסדות־החינוך היהודיים ובאירגוני־הנוער. הרי זו מטרתנו: להחזיר את החומר שנאסף לשימוש העם, בכל אתרי הלמידה והחיים.

נקוה, כי הכול יזכרו לציין בשעת ההעתקה את המקור, ולשלוח העתק אלינו ואל הארכיונים והמוזיאונים היהודיים שיש בהם פינה לירושלים דליטא.

ועד אלבום וילנה נוסד בשנת 1967 על ידי קבוצת שרידים של גיטו וילנה ומחנות הפארטיזנים, שהתנדבו לשאת בעולה של העבודה הטכנית הקשה והמימון, ולהוציא לאור את ספר הזכרון. לאחר שגברנו על קשיים ובעיות רבים הרינו מודיעים בשמחה כי השלמנו את המלאכה.

ביראת־כבוד אנו מוסרים את הספר לידו העולם היהודי, היום ולעתיד־לבוא, הספר שהוא ציון לאורח החיים הייחודי של וילנה, ל„נוסח וילנה" על כל גוניו, לעקשנים היהודים היוצרים, המעצבים את נוסח המחר היהודי.

REMARKS OF THE EDITOR

Salvation lies in remembering
Israel Baal-Shem-Tov

The plan, content, form and even goal of the publication that we now present to the reader have gradually changed in the course of the twenty-five years of research and preparation to its present crystallization. The volume was originally conceived as a book of pictures of the Jerusalem of Lithuania. Unbelievable as it may sound, it is a fact that among thousands of books, anthologies and handbooks that appeared in Vilna in Hebrew and in Yiddish in the course of 142 years (1799-1941) there is not a single comprehensive picture book of Jewish Vilna.

Of all illustrated Jewish publications about Jewish Vilna only two may be included in the category of picture books. The illustrated almanac of the Vilna photographer Moritz Grossman "Yidishe Vilne in vort un bild" (Jewish Vilna in Words and Pictures), Vilna 1925, which consists of 160 photographs taken by him and 10 "from other sources," and the art book "The Ghetto Lane in Wilna", compiled by the Vilna artist M. Vorbeychik and published in two editions (Hebrew-German and Hebrew-English) by Orell Fussli, Zurich-Leipzig, 1931. This collection contains 65 pictures and is the most important pictorial source of the old Vilna ghetto streets, which has been utilized in dozens of works.

Apparently, Vilna Jews had little interest and still less money to prepare and publish picture books and illustrated guides of the centuries of Jewish life in Vilna. They proceeded not according to the classical Chinese saying "one picture tells more than a thousand words," but according to Jewish folk wisdom "all passes but the word abides," and they studied and wrote. Needless to say, attempts were made at various times to perpetuate Jewish Vilna that never progressed beyond the planning stage. Of all this only a few fugitive pictures survived. The collection vanished together with their compilers.

The tragic awareness of the total catastrophe — the extinction of the community and the destruction of all spiritual and cultural values — that we have acquired upon return to the liberated city (1944-1945) and the no less bitter additional information that the "liberators" have definitely resolved to continue the liquidation of organized Jewish life of surviving Vilna Jews in every form and expression and the extinction of every Jewish organized life that has survived the castrophe — these were the chief determining factors in the very initiative, which was conceived as a book that would preserve the Jewish physiognomy of the destroyed city that was being rebuilt and dejudaized. The plan was chiefly based on the hope of utilization of the pertinent materials in the Jewish centers unaffected by the War. Written contacts and subsequent visits have convinced us that nowhere have the pictorial and documentary materials been preserved to the extent of serving as a basis for such a comprehensive publication. It then seemed to us that per force we would have to content ourselves with a modest collection of casually saved pictures.

A second stage in our endeavor came with the compilation of a central card index of all available pictures directly or indirectly related to Jewish Vilna, both those in our possesion and those in the YIVO archives in New York and in several archives in Israel and in private collections, as well as those published in several hundred Jewish and non-Jewish almanacs, miscellanies, monographs, memoirs, city guides, journals and books on various aspects of Vilna. For the lacunas — those pictures indispensable for the uniqueness of the Jerusalem of Lithuania — we have compiled a detailed index of desiderata and set out on a prolonged search both through correspondence and visits.

With the prolonged voluntary cooperation of such picture enthusiasts as Dr. Alexander Libo and Leybl Korisky, who directed the very successful campaign of collecting materials in Israel, representing the Vilna Album Committee in that country; the devoted help of such collectors as Akiba Gershater, Shmerke and Mere Kacherginsky, Joseph Radzely, Alexander Bogen, Adam Epstein, Khayim Kopelovitch, Isaac Edelman, Genia Rabinovitch, Yankl Gutkovitch, who contributed important materials for a considerable number of pages, and two hundred sixty Vilna Jews in dozens of cities and countries (whose names are mentioned with gratitude in a special list of contributors) who manifested their confidence in us by placing at our disposal the last rescued memento of their old home in order to erect a collective monument to the Vilna sanctuary — we have succeeded to collect several thousand pictures and documents. Among these are several Nazi collections of pictures, documents and pictures that the Soviets have sentenced to concealment, and a brief documentary sound film on Jewish Vilna (end of 1938), which we found in America.

Thus a quarter-century of search provided a unique documentary and pictorial collection on Vilna from the oldest times to the Holocaust and beyond.

But precisely when the main problem of gathering the necessary materials was on the way to a solution a number of new problems emerged, namely form, content and purpose of the publication.

A picture album generally means a rigorous selection of a limited number of model pictures that excell in the high artistic quality of the photography of the outstanding objects of national monuments, architecture, landscape and occasionally also mode of folk life and folk types. Upon anaylsis of the qualitative and quantitative conditions of our pictorial material at our disposal we raised and sought answers to the cardinal questions: Can old, faded photographs or reproductions, mostly taken for home consumption with inexpensive cameras and materials, pretend to artistic quality? Will we not achieve negative results by comparison with modern picture albums consisting of select photographs and film shots?

On the other hand: Can we today, after the greatest Jewish catastrophe, allow ourselves the luxury of initiating others to and exult in picturesque landscapes, enchanted lakes and sentimental twilights, the architectonic examples of baroque and rococo, gothic and romanseque, seasoned with several score pictures of "the Jewish Ghetto": old alleys and courts, synagogue courtyard and main synagogue, passages and cemetery, with a series of picturesque faces and pictures of rank-and-file Jews and bearded frequenters of various conventicles? Will such a publication be the Jewish memorial book for the 80,000 slain in Ponary and a handbook of 500 years of Jewish life in Vilna or a distorted mirror of the Jewish past, tailored in the spirit and taste of all deniers and libelers of the most Jewish city in Eastern Europe?

We had no model of a similar publication before us, but the conclusion arrived at was certain and definite: an extraordinary task must find an extraordinary form. And thus the decision was: total destruction cannot and must not be perpetuated with selection but with ingathering and reconstruction.

Each theme that we have decided to reconstruct as a memorial, and our rescued pictures can only illustrate it partially, we must complete with other types of materials that we succeed in unearthing from the layers of ruin and oblivion and in redeeming from barbarous wantonness and destruction.

Thus our carefully aimed quests led us to the definitive form: a thematic handbook of the Jerusalem of Lithuania.

In the selection of materials for each page we were guided by an unwritten directive: to provide the reader and researcher with the most objective facts, pictures, documents, statistical and other data and leave the interpretation of the materials entirely to them.

It goes without saying that not all materials included are of equal historical value. However, frequently we had to take into consideration the fact that the materials in our possession are the only memento whereby we can contribute something to the characterization of a vanished institution as well as to mode of public life of Jewish Vilna in general. We have therefore included materials which we defined as folk ornaments that "framed" and frequently actually adorned Jewish life in the recent past. At this point it is premature to venture prediction what future generations will learn and what conclusions they will draw from these materials.

We have been fully cognizant of the fact that we are preparing the first handbook in which the various Jewish Vilnas are represented side by side: the religious and the secular, the Hebraist and the Yiddishist, the folkist and the assimilationist husk, all the political movements on the Jewish street, from the Zionist-Revisionist "right" to the underground Communist "left", as well as the entire multicolored kaleidoscope of societies, organizations and communal institutions — all currents and trends that moved Jewish life.

The above and similar motives have prompted us under the specific conditions to be less concerned with balance (or presumable honors) and more with including unknown or little known materials, pictures and documents of varying value and character, which we have found and publish here for the first time, namely such subjects that were least discussed in previous publications.

The decision to include besides pictures documents and other materials had to be made at a price. First the reduction of the size of every object, picture or document. Second, the utmost brevity in the explanatory material, which necessitated the omission of much important and needed information. Paucity of space was also the main reason for a number of other decisions made perforce, namely, not to translate the full text of the published documents in the four-language explanations, but to give instead a brief summary or, in exceptional cases, a brief excerpt, similarly to publish the names of the people identified on the pictures only in Yiddish. To be sure, the last decision has support in the opinion that these names are of greatest importance to the Yiddish reader and mainly for those of Vilna who would be seeking among them traces of acquaintances. For the others, and specially the non-Yiddish readers, the long lists of names would be unnecessary ballast. Those exceptionally interested will have to find a means of translating the names under a picture as well as the full text of a document.

Economy in the number of pages was also the reason the names of the divisions of the book (55 sections in the first part — 500 Years of Jewish Life in Vilna, and 21 sections in the second part — Destruction, Resistance and Extinction) are given only in the table of contents and are not repeated in the body of the book. It goes without saying that our explanation does not help matters. The inconvenience remains. But this is one of the situations in which we had no other choice.

A word of caution must also be entered concerning the dates. Under the circumstances, when at times the only reliable source of information was a casual notation on a photograph, or — worse — several notations with contradictory data, it was impossible to avoid errors. We therefore hope that the understanding readers will send in corrections and supplements to missing data so that we can in some form of postscript amend these shortcomings.

As a rule we have not included drawings or paintings where photographs were available. The small number of paintings and drawings included serve as illustration and documentation. We are of the opinion that it is necessary and possible to publish a separate volume "Jewish Vilna in Art Pictures", which will assemble the paintings of Vilna by all Jewish artists and primarily those of Vilna. Our preliminary survey has shown that there is available ample valuable material for such an art publication, an art album of the Jerusalem of Lithuania.

Another gap in our presentation must be mentioned here. We have deliberately omitted the Vilna Jewish vicinity, the several hundred Jewish shtetls, villages and settlements that have participated in the life of Jewish Vilna and both economically and spiritually drew its sustenance from the City and Mother. This vicinage has always been the most important reservoir from which the city drew its increase, the supporters and adherents of all enterprises and projects, movements and programs, ideas and ideologies. These hundreds of settlements call for a separate volume dedicated to the Vilna vicinity, where each township, village and settlement shall perpetuate at least on a page or two its generations — old existence and development. We wish to believe that our work will — in the old Vilna manner — stimulate the survivors of the Vilna vicinage to perpetuate in a common volume the vanished Jewish shtetl civilization.

